ההשתלשלות פון עולם האצילות, ווי עס שטייט אין כתבי האריז"ל, איז דערפון אויך פארשטאנדיק אז בשעת מען זוכט, געפינט מען אין נגלה דתורה דעם כלל און דעם גדר, וואס ער איז מתאים צו דעם כלל וואס אין אנאנדער נוסח, אבער תוכנו חד הוא, ווי דאס איז אין פנימיות התורה,

וואס אויף אפלערנען אט דעם סיום וואס דער אלטער רבי שרייבט אויף דערויף בסוף יומא, הויבט דער אלטער רבי אן, אז עס איז דא ג' חלוקי כפרה, און רעכענט זיי אויס, וואס איתא בסוף יומא די ברייתא אז עס איז דא ג' חלוקי כפרה, ותשובה עם כל אחד מהן, און רעכנט אויס, עבר על עשה ושב איננו זז משם עד שמוחלין לו, דערנאך עבר על מצות ל"ת, אט דעמאלט איז דא דער אופן כפרה, אבער אויך מיט תשובה, דערנאך איז דא כריתות און מיתות ב"ד, וואס דעמאלט איז יסורים ממרקין, משא"כ אויף ל"ת איז געגוג יום הכיפורים מיט תשובה, און דא דארף האבען יסורים ממרקין, און איז מסיים עד כאן לשון הברייתא,

וואס כמדובר כמה פעמים, איז בא דעם אלטן רבי'ן מדוייק, און ווי גערעדט פריער, וויבאלד אז דאס רעדט זיך אויך דער ענין ווי ער איז עפ"י נגלה, ווי אין פרק ראשון פון אגרת התשובה רעדט זיך אלעס ענינים עפ"י נגלה און אויך אין פרק שני וכו', כמדובר לעיל, אין די פריערדיקע התוועדות, איז דארף דאך דאס אויך שטיין מיט עד כאן לשון הברייתא,

וואס לכאורה איז ניט פארשטאנדיק, אין דער ברייתא איז דא א פערטער פאל, דער פערטער פאל איז, וואס די ברייתא זאגט, אז דאס וואס עס איז פארבונדען מיט חילול ה', איז דעמאלט איז אין כח בתשובה לתלות, ולא ביום הכיפורים, ולא ביסורים, נאר וואדען, עס דארף דוקא זיין מיתה ממרקת, שנא' לא יכופר העוון הזה עד כי תמותו, און דערמיט ענדיקט זיך די ברייתא,

מען קען ניט זאגן אז עס איז א חלק אין פנימיות התורה, האלט דער אלטער רבי אז עפ"י פנימיות התורה איז דאס אזוי, דערפאר וואס אין כתבי האריז"ל אין שער הקדמות און אין כמה מקומות ברענגט ער אראפ אלע פיר פאלען פון די ברייתא, אויך דעם פערטען פון חילול ה', און אלעס איז דאס נאך מתאים אז דאס איז אנטקעגען אויף די ד' עולמות, עשי' יצירה בריאה אצילות,

אין דערויף איז אבער דא נאך א גרעסערע קשיא, און דאס איז, וואס דער לשון הגמ' אין דעם ענין איז, אז פריער געזאגט אז מתיא בן חרש האט געפרעגט בא ר' אלעזר בן עזריא, צי האט ער געהערט די ד' חלוקי כפרה וואס ר' ישמעאל האט געזאגט, דרך אגב, אט דא קומט צו דער קישור מיט'ן סוף יומא, ווארום סוף יומא כפשוטו ענדיקט זיך מיט דרש ר' ישמעאל אז דער וואס האט געטראפען דער מקרה לא טוב ביום הכיפורים כו', ואם הוציא שנתו מובטח לו שהוא בן עולם הבא, און דאס איז אויך ר' ישמעאל'ס א ברייתא, און דערמיט ענדיקט זיך סוף יומא, וואס דאס האט אויך א שייכות צו כללות ענין אגרת התשובה,

<u>הנחת הת' בלתי מוגה</u> = וואס =

וואס דערמיט קען מען מסביר זיין וואס דער אלטער רבי צייכנט דא אן סוף יומא, וואָרום איין אגרת התשובה וויל ער דאך ארויסברענגען, אז עס איז ניטא קיין ענין אויף וועלכע עס העלפט ניט קיין תשובה, אפילו אויף דעם ענין וואס כתוב בראשית חכמה אז איתא בזהר, אז אויף דעם ענין העלפט ניט קיין תשובה, איז אט דאס איז סוף יומא שטייט בפירוש אז ניט נאר עס העלפט תשובה, נאר אדרבה, מובטח לו שהוא בן עולם הבא, ...

די קשיא וואס דא איז דא נאך א גרעסערע, איז דאס בהקדם וואס מפרשים שטעלן זיך, אז וואס האט ער אים פארענטפערט אז זיינען ניט ד׳ חלוקי כפרה, נאר ג׳ ותשובה עס (כל, לא אמר, ולכאורה צ"ל, הערת המעתיק) אחד מהם, און ער רעכנט אויס פיר פאלען, דער עבר על עשה, און עבר על ל"ת, עבר על כריתות ומיתות ב"ד, און דער פערטער פאל פון חילול ה׳, פרעגט דער מהרש"א די קשיא, איז אויב אזוי מיט וואס קריגט ער, אז ניט ווי ער האט געזאגט פריער ד׳ חלוקי כפרה, נאר עס איז ג׳ חלוקי כפרה, ותשובה עס כל אחד מהם, און פארענטפערט אז די ערשטע חלוקה וואס דארט איז מער ניט ווי תשובה, וואס דאס איז דער ענין פון עשה, איז אין דערוף איז דאך ניט שייכות זאגן דעם לשון חלוקי כפרה, ווארום בהנוגע צו תשובה איז ניטא קיין חילוק, סיי א עשה דארף האבען תשובה, און סיי א ל"ת דארף האבען תשובה, סיי כריתות ומיתות ב"ד, און סיי חילול ה׳ דארף האבען תשובה, ווי די ברייתא זאגט בפירוש, איז במילא חלוקי כפרה איז דא מערניט ווי ג׳, ווארום תשובה איז עס כל אחד מהם,

וואס בכלל איז דאס א דוחק אזוי צו מפרש זיין, דער עיקר אבער, אט דעמאלט ווערט ניט פארשטאנדיק וואס דער אלטער רבי שרייבט דא, דער אלטער רבי הויבט אן און ברייגגט אראפ דעם מספר, אז עס איז ג׳ חלוקי כפרה, ותשובה עס כל אחד מהם, און ער ברייגגט אראפ מערניט עשה און ל"ת וכריתות ומיתות ב"ד, דערמאנט גארניט דעם ענין פון חילול ה׳, און זאגט עד כאן לשון הברייתא, איז אפילו ער האט א טעם פארוואס ער ברענגט ניט אראפ דעם סיום הברייתא, ווארום עס איז איהם ניט נוגע צו די ענינים המתבארים באגרת התשובה, ער ברענגט דאך אבער א זאך מיט א סתירה, ער הויבט אן אז עס איז דא ג׳ חלוקי כפרה, און ער רעכנט אויס מערניט ווי צוויי, ווארום לויט דעם פירוש פון דעם מהרש"א, וואס דער מהרש"א וויל אזוי דאס אויך איינלערנען אין רש"י, איז עשה ניט א חלוקי כפרה, ווארום דארט איז דאך מערניט ווי תשובה, דאס איז דא עס כל אחד, האט דאך דער אלטער רבי אדער ניט געדארפט ברענגען דעם לשון ג׳ חלוקי כפרה, נאר ברענגען גלייך, אז עבר על עשה איז אזוי דער סדר, אט דאס איז דאך איהם נוגע, אבער איהם איז דאך ניט נוגע דער מספר, ובפרט נאך אז ער שרייבט אפילו ניט וכו׳,

עס איז דא אמאל אז עס איז ניט נוגע, נאר עס איז עפעס מרמז א שייכות, שרייבט מען לכל הפחות וכו׳, בשעת דער אלטער רבי איז מסיים דעם פאל פון יסורים ממרקים שנאמר ופקדתי בשבט פשעם ובנגעים עונם, זאגט ער ניט וכו׳, נאר זאגט גלייך עד כאן לשון הברייתא, איז דערפון פארשטאנדיק אז דערמיט

<u>הנחת הת׳ בלתי מוגה</u> = ענדיקט =

ענדיקט זיך דער ענין פון ג׳ חלוקי כפרה, וואס לויט פירוש המהרש"א, און לויט דעם מהרש"א איז דאס אויך פירוש רש"י, איז דאס געבראכט מערניט ווי צוויי, און ער זאגט פריער אז עס איז דא דריי,

מוז מען דאך זאגען אז דער אלטער רבי לערנט שלושה חלוקי כפרה ותשובה עם כל אחד מהם, אז דאס איז עשה ול"ת וכריתות ומיתות ב"ד, ווערט דאך דא א צווייענדיקע קשיא, אויב אזוי איז וואו פאסט אריין דער פערטער פאל, ובפרט ווי גערעדט פריער, אז אפילו אין קבלה זאגט מען אז עס איז דא דער פערטער פאל פון חלול ה׳, און וואס איז דער הכרח בא דעם אלטן רבי׳ן משנה זיין פון דעם פירוש המהרש"א און דער עיקר ווי דער מהרש"א טייטשט דאס אפ אין רש"י אויך, וואס צוליב דערוף איז ער מדייק, און ברענגט אראפ בפירוש ג׳ חלוקי כפרה, וואס לכאורה איז די שאלה מביני׳ למה לי׳, מאי קמ"ל, ווי די גמ׳ פרעגט בכמה מקומות, וואס דארף מען האבען דעם מנין, מען קען אליין איבערציילען, איז דאך דארט וואו מען בריינגט א מנין, איז מען ממעט אז עס איז ג׳, אדער מען איז ממעט מערער אדער מען איז ממעט ווייניקער, אבער בשעת מען בריינגט א מנין איז דאס א ענין וואס ווי גערעדט פריער דא רעדט זיך אין נגלה, אז אין נגלה איז וואס איז דא דער אלטער רבי מסמיענו א ענין חידוש בזה, ניט ווי דער מהרש"א לערנט, און ניט ווי דער מהרש"א טייטשט דאס איין אין רש"י.

וואס אין דערוף איז כאמור די ביידע זאכען, ערשטענס דארף מען וויסען איז וואס איז דער חילוק, דערנאך איז דער צווייטער ענין, וואס איז דעם אלטן רבי׳ן מכריח אויף משנה זיין, ניט אנעמען דעם פירוש המהרש"א, אעפ"י וואס דער מהרש"א איז דאך געווען א מקובל, און מען ברענגט איהם אראפ בכמה מקומות אין חסידות וכו׳ וכו׳, ובפרט נאך אז דער מהרש"א וויל דאס אזוי איינטייטשען אין רש"י,

נאר דאס איז יובן בהקדם, דער הכרח וואס דער אלטער רבי האט אויף דעם, איז דאס איז די קשיא וואס דער מהרש"א אליין פרעגט, אויב אזוי קומט דאך אויס אז ער האלט אויך אויב מען זאל רעכענען אויך דעם פאל פון אבל חילול ה׳, איז דאך אויך ד׳ חלוקי כפרה, אט דאס וואס ער זאגט אז תשובה איז דא בכל אחד ואחד, גייט דאס ניט אריין אין קיין חילוק, עס איז דא בכמה מקומות אין ש"ס, אז מען זאגט אז דאס איז מחולק, ניט דוקא וואס דארף איז גאר ניטא פון דעם צווייטען חלק, אויב דער צווייטער ענין האט מערניט ווי איין זאך, און א צווייטער ענין האט ביידע זאכן, ווי דא אז עבר על עשה האט מערניט ווי תשובה, און ל"ת האט ער אי תשובה און דארף אויך האבען יום הכיפורים, איז דאס אליין איז א חילוק, ווארום דא זאגט מען דאך, אז עס איז דא ד׳ סוגים וואס כפרתם מחולקת, איז דאך די כפרה פון עשה מחולק פון די כפרה פון ל"ת,

נאך א קשיא בזה איז, לויט דעם פירוש המהרש"א איז ניט פארשטאנדיק וואס האט דא אויפגעטאן ר׳ אלעזר בן עזריא, וואס

ער האט איהם געענטפערט אז עס איז ניט ד׳, נאר ווארען עס איז דא ג׳, און וואס זאגט ער, אויך אז עס איז דא ד׳, נאר ווארען ר׳ ישמעאל האט ניט גערעכנט עשה בזה, איז למאי נפק"מ, צי האט ער דאס יע גערעכנט צי ניט גערעכנט, דאס איז דאך גאר ניט משנה, ניט אין דין, און ניט אין הסברה, און ניט אין הבנה והשגה,

וואס מצד אט דער קשיא לערנט דער אלטער רבי, ובפרט נאך ווי מען געפינט אין תוספתא בלייבט די גירסא ד׳ חלוקי כפרה, עד"ז איז דער מאמר ווערט דאך געבראכט אין ירושלמי און אין כמה מדרשים, איז דא ערטער וואו עס שטייט ד׳, און עס איז דא ערטער וואו עס שטייט ג׳, לויט דעם מהרש"א איז אין דערויף ניטא קיין חילוק אין תוכן הענינים, עס איז מערנים וואס ער וויל יע רעכענען עשה, דער וויל ניט רעכענען עשה, וואס איז ניט פארשטאנדיק למאי נפק"מ צי מען רעכנט יע צי מען רעכנט ניט, אלע האלטען אז עבר על מצות עשה ושב לא זז משם עד שמוחלין לו,

וואס דערפאר נעמט אן דער אלטער רבי בפשיטות, ווי אין די גמרא איז משמע בפשוטה, און ווי דער מהרש"א אליין שטעלט זיך אויף דעם, אז ר׳ אלעזר בן עזרי׳ האט אופגעטאן א נייעס, ניט ווי דו מיינסט אז עס איז דא ד׳ חלוקי כפרה, עס איז דא מערנים ווי ג׳ חלוקי כפרה, נאך מער, דאס איז מוכרח פון דער לשון הברייתא גופא, בשעת די ברייתא ברענגט פריער פון עבר על עשה און עבר על ל"ת און עבר על כריתות ומיתות ב"ד, שטייט ניט דער לשון <u>אבל</u>, וואס איז דער לשון אבל אין ש"ס, דאס איז א חרטה און אפגעפרעגט די פריערדיקע, בשעת עס קומט צום פערטן פאל.פון חילול ה׳, שטייט דארטן אבל, אבל חילול ה׳ איז תשובה איז ניט תולה, און יום כיפורים איז ניט תולה, עס דארף האבן מיתה ממרקת,

וואס לכאורה, אדער עס האט געדארפט שטיין אבל בא יעדער פאל, ווארום עס איז דאך דא דער ענין וואס עשה העלפט תשובה אליין, אבל ל"ת דארף הובען תשובה מיט יוה"כ, אבל כריתות ומיתות ב"ד דארף האבען נאך דערצו דעם ענין פון ופקדתי בשבט פשעם, און חילול ה׳ דארף האבן נאך א פערטע זאך, און די ברייתא איז מדייק, בא אלע פאלן זאגט זי ניט אבל, בא דעם פערטן פאל אבל, וואס דאס איז ווי מען זעהט בכמה מקומות בש"ס, בשעת מען זאגט אבל, הויבט זיך אן אן אנדער ענין מיט אן אנדער סגנון,

וואס דערפאר לערנט דער אלטער רבי כפשוטו, אבל, אט דא ענדיקט זיך די ג׳ חלוקי כפרה, אבל חילול ה׳, וואס דו האסט געמיינט אז דאס גייט ארייין אין ד׳ חלוקי כפרה, זאגט איהם ר׳ אלעזר בן עזריא, ניין, דאס גייט ניט ארייין אין חלוקי כפרה, דאס איז א <u>אבל</u>, ביז איצטער האט מען גערעדט וועגען ג׳ חלוקי כפרה, אבער דו מיינסט אז עס איז דא א פערטער, וועלכע פערטער, איז דער ענין פון חילול ה׳, דאס איז אבל, ווארום דאס גייט ניט ארייין אין חלוקי כפרה,

<u>הנחת הת׳ בלתי מוגה</u> = וואס =

וואס לכאורה איז דאך ניט פארשטאנדיק, דער פסוק זאגט דאך, אז לא יכופר העוון הזה עד תמותון, איז דאך ווי רש"י טייטשט אפ, אז משמע, ווען איז דא די כפרה, אז עס קומט מיתה, וואס לכאורה איז דאס ניט ווי דער אלטער רבי איז דאס מפרש,

נאך דאס איז יובן בהקדם, דער כללות ענין התשובה, און כללות ענין הכפרה, וואס ווי דער אלטער רבי רופט דאס אן אגרת התשובה, און איז גלייך מקשר דאס מיט'ן ענין פון כפרה, הויבט גלייך אן פון ג' חלוקי כפרה, אעפ"י וואס עס איז תשובה עם כל אחד ואחד מהם, און איז מאריך, אז אפילו אין תשובה, איז דא א ענין וואס איז מכפר אינגאנצען, ע"ד ווי עס העלפט עזיבת החטא בלבד, און דערנאך דארף מען דאך האבען א כפרה ע"י כמה וכמה ענינים, ביז דער כפרה ע"י ופקדתי בשבט פשעם,

און דער אלטער רבי נעמט ניט אריין אין דער ג' חלוקי כפרה, דעם ענין פון חלול ה', און פארבינדט דאס אויך מיט דעם ענין פון תשובה,

אט דאס איז יובן בהקדם וואס איז דא אין תשובה, איז דאך דא די פלוגתא, אין וואס באשטייט די עיקר התשובה, ובפרט ווי עס ווערט געברענגט גלייך פון רבינו יונה פון שערי תשובה, און ר' סעדי' גאון, צי דער בקשת כפרה איז גאר א ענין אין תשובה, צי דאס איז א באזונדער ענין, אט דאס וואס עס דארף זיין אין תשובה לכל הדיעות, איז וואס שטייט אין פסוק, והתוודו את חטאתם, וואס דאס איז דער ענין פון עזיבת החטא, און אויך דער ענין פון וידוי דברים,

וואס דערפאר שרייבט דאך רבינו יונה, וואס דאס איז אויך ווי ער פסק'נט אב אז עס איז דא כמה ענינים אין תשובה, ווי ער רעכנט אויס צוואנציג ענינים, און זאגט אבער, אז עיקר התשובה איז דא דריי, אין דאס איז, דער חרטה על העבר, און וידוי דברים, אויך אויפ'ן עבר, און קבלה על להבא, דער ענין פון בקשת כפרה איז ניטא אין תשובה, וואס דאס איז דאך מתאים מיט'ן פסק דין פון גמ', און ווי דער אלטער רבי ברענגט דאס אראפ אין הלכות יוה"כ, אז עס איז דאך דא בערב יוה"כ וביוה"כ דארף דאך זיין דער ענין התשובה, אויך אין די וידוי דברים, איז אין וואס באשטייט דער וידוי דברים, מעיקר הדין איז ער יוצא אז ער האט געזאגט חטאתי, וואס אין חטאתי איז ניטא דער ענין פון בקשה כפרה, אין חטאתי איז דא מערניט אז ער זאגט אז ער האט געטאן א שלעכטע זאך, במילא איז דאס עזיבת החטא, עס איז ניטא אפילו דער חרטה על העבר, ער קען זיך אפטייטשען אז אין עבר איז ער ניט געווען שולדיק, ער איז געווען א אנוס, יצה"ר אנסו, ער האט ניט קיין חרטה,

אבער בהנוגע להבא, וואס דאס איז דער ענין פון עזיבה, איז דאך כפשוטו אז דאס וואס דער אלטער רבי זאגט גלייך אין אנהייב, אז מצוות התשובה איז דאס עזיבת החטא, איז עזיבה איז דער טייטש, אז וואס עס איז געווען ביז איצטער, איצטער

לאזט ער אפ דעם ענין פון חטא, ד.ה. קבלה על להבא, און אט
דאס איז בלבד, ווי דער אלטער רבי טייטשט אפ, :אט דאס איז
דער ענין התשובה, אפילו ניט ווי רבינו יונה זאגט אז עיקר
התשובה דארף זיין דריי זאכן, חרטה על העבר, און קבלה על
להבא, און אויך וידוי דברים, איז דער אלטער רבי איז בפירוש
מדייק, אז וידוי דברים קומט שפעטער ווי ער איז מסיים אין
פרק, כדי עס זאל זיין תשובתו שלימה, אבער דער עיקר התשובה,
די מצוות תשובה, אט דאס וואס איז א הכרח עפ"י תורה, איז
גענוג עזיבת החטא בלבד, וואס דאס שטימט דערמיט וואס ער
האט געזאגט חסאתי, מערניט צו שלימות התשובה אט דא קומט
צו דעם ענין פון וידוי דברים,

ביז וואנעט אויך ווי דער מנחת חנוך איז מחלק, אז
עזיבת החטא איז גענוג ער זאל ווערן מכאן ולהבא כדבעי,
אויב ער וויל אז מען זאל איהם אראפ ווישען דעם עבר, אויף
דערוף דארף מען האבען דעם וידוי דברים, און ווי ער איז
מאריך מיט די ראיות בזה וכו׳, די ראי׳ וואס דער אלטער רבי
ברענגט, איז דאך די ראי׳ מוכחת וואס עס איז דא אין חו"מ
אז שברו פספסותיהן, וואס אין דערוף זעהט מען ניט, ניט קיין
בקשת כפרה, ניט מען זעהט אפילו חרטה על העבר, פון וואנעט
ווייסט מען, ער האט צובראכען די קוביא, ווייסט מען ניט
צי האט ער חרטה צי ניט, עס איז מערניט וואס מען זעהט אז
פון איצטער אן און ווייטער וועט ער ניט זיין קיין משחק
בקוביא, עזיבת החטא בלבד, אבער ניט עס איז דא דער וידוי
דברים, און עס איז דא דער ענין פון חרטה על העבר, אניט

און ווי גערעדט פאר דעם, אז עס איז נאך מערער דא די
ראי׳ מוכחת פון די גמ׳ אין קדושין, וואס דארט איז הרהור
תשובה, איז דאך זיכער ניטא קיין וידוי דברים, עס איז געווען
מערניט ווי מחשבה בעלמא, א הרהור בעלמא, ווי דער מנחת
חנוך ברענגט אויך די ראי׳ דערפון, עאכו"כ אז דאס איז ניט
ווי שיטת ר׳ סעדי׳ גאון, וואס ער שטעלט צו נאך א פערטע
זאך, אויך בקשת כפרה,

וואס עפי"ז ווערט דאך לכאורה די קשיא נאך גרעסער,
איז וואס איז דער קישור וואס דער אלטער רבי גלייך פון
אנהויבט, ווען ער וויל מבאר זיין תשובה, וואס דאס איז דאך
די אגרת התשובה כשמה, אויף ביאור ענין התשובה, און וועגען
דערוף רעדט ער דאך טאקע, און הויבט גלייך אן פון דעם ענין
הכפרה,

נאר דאס איז דאך מתאים אויך פון די בעלי נגלה, אז
אעפ"י וואס מעיקרי התשובה, איז ניט קיין הכרח עפ"י תורה
אז עס זאל זיין וידוי דברים, עאכו"כ ניט קיין בקשת כפרה,
אבער עס איז דאך דא אויך אין די ענינים פון תשובה דער
ענין וואס ער בעט בתפלתו אז מען זאל איהם מכפר זיין על
העבר, וואס דערפאר איז דאך בנוסחא פון כמה תפלות פון תשובה,
איז דאך אויך דער ענין פון כפרה, וואס דאס איז ע"ד ווי
וידוי דברים איז מוסיף אין שלימות התשובה, אבער דאס איז
אין תשובה אליין, דערנאך איז דא א ענין וואס מבחוץ לתשובה
תתאה אין ענינים פון פנימיות התורה, בחוץ פון עיקר התשובה
ווי דער לשון אין נגלה, איז דאס מערניט עזיבת החטא בלבד,

דערנאך איז דא ע"ד ווי קרבן עולה, וואס ער וויל זיין מרוצה ונרצה לו, וואס דאס דארף דאך זיין עפ"י נגלה, דער ענין פון רצון, דערפאר דארף זיין די אלע ענינים וואס מען לערנט אפ פון ונרצה לו, לרצונו אז כופין אותו עד שיאמר רוצה אני, אז ער דארף זאגן רוצה אני דעמאלט קומט דאס אראפ דער ענין פון ונרצה, אעפ"י וואס ער האט עזיבת החטא, און וידוי דברים וכו׳, דארף מען האבן ער זאל זאגן, ער וויל ברענגען דעם קרבן,

וואס דאס איז נאך א ענין וואס איז מוסיף וידוי דברים, וואס איז מוסיף אמירתו רוצה אני בדיבור, אבער דאס איז ווי דער אלטער רבי טייטשט אפ דער גאנצער ענין פון קרבנות עולה, ווי עס איז משמע אין פרק ב׳, ער טייטשט אזוי אויך אפ אויף קרבן חטאת, אז דאס איז ניט דער ענין פון עיקר מצוות התשובה, דער עזיבת החטא, ער זאל ווערן מכאן ולהבא א אדם כשר, נאר דער הבאת הקרבן איז, כדי אז ער זאל זיין נרצה לו לכפר לפני ה׳, זאל זיין מרוצה, בלשון הרמב"ם ער זאל זיין א מרוצה ותביב וידיד וקרוב ווי די אלע פיר לשונות וואס דער רמב"ם רעכנט אויס,

וואס עפי"ז איז דאך אויך פארשטאנדיק, וואס קרבנות אחוץ א אויסנאהם, זיינען זיי אלע באים על השוגג, און ניט על המזיד, וואס דערפון איז דאך פארשטאנדיק אז אויף מזיד, איז א קרבן קען ניט אראפנעמען, ביז וואנעט אפילו אויף אשם שפחה חרופה, איז דאך אויך פארענטפערט דער צ"צ אז עס איז דא נאך א ענין פון בקורת תהי׳, וואס דאס איז במקום פון וידוי דברים, אף פון דעם זדון שוגג, איז דערנאך קען קומען דער אשם שפחה חרופה כמבואר אין ספר המצוות פון צ"צ, וואס אין כאן מקומו להאריך בזה,

וואס מצד אט דעם ענין, וואס דער אויבערשטער האט דאך געזאגט בתורתו, אז טאקע והתוודו את חטאתם דער ענין פון וידוי דברים, און טאקע דער ענין פון עזיבת החטא, וואס דאס איז עיקר מצוות התשובה, דערנאך שטייט דאך אין תורה כפשוטו נגלה דתורה אז מען דארף ברענגען א עולה, כמשל וואס ער שיקט א דורון לאחרי וואס דער פרקליט האט אויף איהם ממליץ געווען, וואס דאס איז דער ענין פון בקשת כפרה, לכפר לו, ניט נאר אז אין מזכירין לו דבר וחצי דבר ביום הדין, וואס דאס קומט דאך אפילו פאר דעם קרבן, נאר נאך מערער ער ווערט מרוצה ווי ער איז געווען קודם החטא, וואס דאס איז דאך דער ענין ווי ער איז עפ"י נגלה וואס דאס איז אין הלכות תשובה להרמב"ם מיט די אלע פרטים בזה,

וואס דערפאר געפינט מען דאך, אז אפי׳ ווען ער ווייס בפירוש אז מען האט ניט מכפר געווען דעם עוון, איז אעפי"כ איז די תשובה מועלת און ער האט געטאן תשובה, וואס די הוכחה אויף דערוף איז, וואס די גמרא זאגט אין יבמות, בהנוגע וואס איינער וואס ער איז געבארען געווארען א ממזר, אם חייב בכבוד אביו, פרעגט אויף דערוף די גמ׳ די קשיא, וואס איז דער טייטש, ווען איז מען מחוייב בזה, דוקא אויב

עושה מעשה עמך, און וויבאלד אז ער האט געטאן אזא איסור, אז עס איז געבארען געווארען אט דער און דער, במילא ווי אזוי קען מען איהם מחייב זיין בכבוד פון אט דעם פון ער איז דער היפך עושה מעשה עמך,

מען קען ניט זאגן, -זאגט די גמ׳- אז דאס מיינט מען אז ער האט תשובה געטאן, ווארום די משנה זאגט אין חגיגה, איזהו מעוות שלא יוכל לתקן, זה שבא על הערווה והוליד ממזר, וואס אט דעמאלט ווי רש"י זאגט אז אין עוונותיו נמחקין, ווארום עס גייט ארום א לעבעדיקע זאך און איז מזכיר את העוון שלו, במילא לא יוכל לתקן, עס איז דער ענין, דער עוון איז א לעבעדיקע זאך, במילא איז לא יכול לתקן,

אעפי"כ זאגט די גמרא, אז אעפי"כ וויבאלד אז תשובה האט ער געטאן, כאטש אפילו דער ממזר לעבט, במילא איז ער דאך מזכיר דעם עוון, איז ווי רש"י זאגט, פאר דעם עוון שטייסט מען איהם, אבער מכאן ולהבא איז ער עושה מעשה עמך, ווי רש"י טייטשט דאס אפ אין יבמות, וואס הייסט עושה מעשה עמך, דאס איז דער ענין פון תשובה אז מכאן ולהבא איז ער א צדיק גמור,

וואס דערמיט ווערט אויך פארענטפערט אין קידושין, וואס מען זאגט אז הרהר תשובה איז הרי זה צדיק גמור, אעפ"י וואס ער האט נאך ניט משיב געווען די גזילה, און האט ניט קיינע ענינים, מער ניט וואס הרהר תשובה, און דאס איז אויך כולל מי שבא על הערווה והוליד, וואס לא יוכל לתקן, אבער מכאן ולהבא, זאגט די גמרא אין יבמות, איז ער עושה מעשה עמך, וואס דערפאר איז מען מחוייב בכבודו, און אסור בקללתו וכו׳, מיט אלע דינים בזה, זעהט מען דאך, אז די תשובה האט איהם געהאלפען בעיקר ענינה, וואס דערפון זעהט מען אויך וואס איז דער עיקר ענין התשובה, ניט דער ענין פון כפרה, ווארום אויב עס וואלט געווען א עיקר אין תשובה, האט ער דאך דעמאלט ניט געטאן קיין תשובה, ווארום לא נתכפר,

נאך מערער, דאס איז דאך א הוכחה אז די בקשת כפרה האט ניט געהאלפען, עס איז נאך מערער אז ער דארף גארניט בעטען אויף דעם, עס איז א באזונדער ענין ווי מפרשים זאגן אז דאס איז א ענין של תפלה, עס קען זיין תשובה מיט תפלה, און עס קען זיין תשובה אן תפלה, תשובה אן תפלה איז דער ענין וואס ער זאגט חטאתי, ווידוי דברים, איז אט דעמאלט איז מכאן ולהבא איז ער עושה מעשה עמך, דערנאך קען זיין צוזאמען מיט דער תפלה, אין וואס וועט באשטיין דער תפלה, ווי דער אלטער רבי זאגט אנטקעגען דעם קרבן, השולח דורון אז ער זאל ווערן ונרצה לו לכפר עליו לפני הוי׳, ער זאל ווערן נרצה לפניו,׳ וואס דאס איז דער ענין פון בקשת כפרה, וואס דאס אויך, ער ווייס נאך ניט צי דאס וועט העלפן, עס איז מערניט עס איז דא דער ציווי אין פסוק ונרצה לו לכפר עליו, אז ער דארף בעטן אויף דעם, דאס איז אבער ניט דער עיקר מצוות התשובה דאס איז מערניט ווי עזיבת החטא בלבד, אבער מיט תשובה איז דאס פארבונדען, וע"ד ווי מען זאגט בא והתוודו את חטאתם, דארף מען ברענגען א קרבן חטאת, ע"ד ווי דער

אלטער רבי ברענגט אראפ פון זבחים פרק קמא, איתא בפרק קמא דזבחים אז עבר על מצות עשה ושב, לא זז משם עד שמוחלין לו, אעפי"כ דארף ער ברענגען א קרבן עולה, און אויף דערוף שטייט דער לשון לכפר עליו, דאס איז א ענין וואס עס איז פארבונדען מיט כפרה און דאס קומט בהמשך צו דעם ענין התשובה, נאר דאס איז א דבר נוסף לתשובה,

און אט דא זעהט מען א דבר פלא, ווי מען האט גערעדט פריער, אז עס איז דא דער דמיון ושוויון צווישען די דריי זאכען, צווישען תורה ותפלה ותשובה, וואס בא די אלע דריי זאכן געפינט מען אט די ענינים, בא תורה, עיקר ענינה איז דאך הבנה והשגה, והראי׳, ווי ער פסק׳נט אפ בסימן נ׳ אז דער וואס לערנט און פארשטייט ניט דלא ידע מאי דקאמר, טאר ער ניט מאכן קיין ברכות התורה, סיידען אויף בנוגע צו תורה שבכתב וואס דאס האט א באזונדער גדר, מיט א באזונדער דין, אבער אין תורה שבע"פ איז אויב איננו מבין, איז דאס ניט לימוד התורה,

אעפי"כ זאגט מען, אז אויב דאס איז בא איהם במחשבה אליין, טאר ער אויך ניט מאכן קיין ברכות התורה, ער איז מקיים בתורה און פארשטייט און קען אלץ צוקומען ביז לאסוקי שמעתתא אליבא דהילכתא, בשעת מען קומט. אבער צו דיבור איז אט דעמאלט טאר ער ניט מאכן אשר בחר בנו ונתן לנו את תורתו, דערפאר וואס דאס איז ניט דער ענין פון לימוד התורה,

עד"ז געפינט מען בא תפלה, תפלה איז דאך דער אפטייטש א פירוש בכל מקום בתורה שבכתב, אז תפלה איז דער טייטש ויפלל, איז דאס דער ענין פון דיבור, זאגט אבער דער רמב"ם מיוסד אויף די גמרא מפורשת אז בשעת עס איז ניטא די מחשבה כללית ווי מען טייטשט דאס אפ אין רמב"ם, דער דע לפני מי אתה עומד, איז אט דעמאלט איז תפלתו בטלה, זעהט מען דאך אז עיקר התפלה און ווי דער רמב"ם אליין ברענגט אראפ אין התחלה פון הלכות תפלה, אז פון וואנעט ווייס מען אז תפלה איז מצוות עשה מן התורה, שנאמר לעבדו בכל לבבכם, ואיזהו עבודה שבלב, זו היא תפלה, וואס לב איז ניט קיין שייכות צו דיבור, לב איז שייכות צו הבנה והשגה, עבודה שבלב,

און אעפי"כ זאגט מען אז ענין התפלה איז, דער ענין אין דיבור, ביז וואנעט אז מען זאגט נאך להיפך, אז אחוץ פסוק ראשון של קריאת שמע און אחוץ די ברכה ראשונה פון אבות, איז אט דעמאלט התפלל ולא כיוון יצא, ביז וואנעט אז בזמן הזה, איז דאך אפי׳ אויף די ענינים איז מען זיך אויף מיקל, ווי ער פסק׳נט דאך אפ אין שו"ע, זעהט מען דאך, אז ע"ד ווי דאס איז בא תשובה, בא תשובה איז דער עיקר עזיבת החטא, וואס דאס איז דער ענין פון מחשבה, עס דארף אבער זיין דער ענין פון דיבור, וידוי דברים, וואס רעכנט דער רמב"ם במנין המצוות, דעם ענין שבדיבור וואס עס איז דא אין תשובה, און ער רעכנט ניט דעם ענין שבמחשבה וואס עס איז דא אין דעם, עד"ז בהנוגע צו תפלה, וואס רעכנט מען מצוות עשה מן התורה, דער ענין התפלה, וואס דאס איז איינפאכער אפטייטש,